


# גיגאַנטישער "פּולאַסקי פּאָרט קאָמפּלעקס" אויסגעקליבן צו אַקאָמאָדירן רבבות אנ"ש ביים כינוס אדיר "כ"א כסלו"

**אדמיניסטראטאר פון מוסדות, הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו: מען האט ספעציעל געזוכט א ריזן בנין וועלכע קען אנטהאלטן 1,500 זיץ-פלעצער מער ווי פארגאנגענעם יאר -**

**עסקנים טעטיג מייסטערהאפטיג אויסצושטעלן 73,000 קוואדראט-פיסיגע געביידע צוליב אויסערגעווענליכע מאסן ערווארטעטע לכבוד שמחה משולשת פון מאורעות בחצר הקודש סאטמאר**

ברוקלין. – מיט גרויס עקסטאַז האָבן תלמידי וחסידי סאטמאר אויפגענומען די פריידיגע ידיעה אַז דער היי יעריגער מעמד אדיר "כ"א כסלו", לרגל יום הצלת רבן ומאורן של ישראל מרן רביה"ק זי"ע, וואָס ווערט יערליך פריידיג געפייערט בקרב שלומי אמוני ישראל צוזאַמען מיט'ן יערליכן דינער לטובת די מוסדות אין דעם עיר ואם בישראל וויליאַמסבורג יע"א, וועט געפּראַוועט ווערן אין דעם גיגאַנטישן בנין "פּולאַסקי פּאָרט קאָמפּלעקס" וואָס געפינט זיך האַרט נעבן וויליאַמסבורג.

דער "פּולאַסקי פּאָרט קאָמפּלעקס" איז א ריזיגער ציגלנע פעסטונג וואָס געפינט זיך האַרט נאָכ'ן באַקאַנטן "פּולאַסקי בריק" וואס באַהעפט ברוקלין צו קווינס. די מאסיווע געביידע איז ארומגענומען מיט א הערליכע שיינע פּאנאראמע פונעם ים-ברעג, און פארמאגט א גרויסער אריינגאנג צו א ריזיגער וואַרט-זאל, און פון דארט איז דער אריינגאנג צום גיגאנטישן צענטראלער זאַל פון 73,000 קוואַדראַט פיס.

דער מולטי-מעכטיגער בנין איז ספעציעל אויסגעקליבן געווארן דורך דעם ועד הפועל פאר'ן דינער פון די

פארזעצונג אויף זייט ג ◀◀

## תשב"ר במוסדותינו הק' זענען מתפלל להצלחתם פון "דינער עסקנים"

זייט יב

## בשבחו של מקום

קטעים מתוך דרשת

**הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א**

ביום כ"א כסלו אשתקד שנת תש"ע

זייט ד




זייט ז

**ווי אזוי האט אויסגעקוקט א דינער צוזאמען מיט רביה"ק זי"ע?!**

**ליינט רייכע אינטערוויו קומענדיגע וואך אי"ה**




א דאנק די אויסערגעוועגליכע מעלות רמות און די הויכע חינוך-ניוואו אין אלע אפטיילונגען פון אונזערע מוסדות, מער ווי אין אלע אנדערע מוסדות התורה, האבן מיר זיך קונה שם געווען אלץ דער בעסטער מוסד, סיי אין די תלמוד תורה און סיי אין בית רחל.

# אנ"ש שטאלצירן מיט אונזער הויכע חינוך סטאנדארט וואס איז די רוחניות'דיגע וועג-ווייזער פאר אלע אנדערע מוסדות התורה.

**פאקטן:**

**5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.**

**ציפערן:**

יערליכער בודזשעט: $22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט: $4,878,305.00 • **היי יעריגע גרויסע הוצאות:** בנינים מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל: $12,709,405.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $1,699,934.00 • הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.

## אם אין קמח אין תורה
## צו קענען ווייטער זיין מוסיף והולך, דארפן מיר די הילף פון יעדן יחיד

# דינער השנתי • כ"א כסלו • מוצש"ק פ' וישב

## פולאסקי פארט קאמפלעקס

פארזעצונג פון זייט א

סאטמארער מוסדות אין וויליאמסבורג, צוליב דעם וואס ווי געמאלדן וועט דער היי יעריגער מעמד דינען אלס "שמחה משולשת" פאר דריי אויסגערופענע געשעענישן אינערהאלב עדת חסידי סאטמאר, און עס איז ערווארטעט אן אויסערגעווענליכער ריזן ציבור מכל רחבי ניו יארק, דעריבער פעלט זיך אויס צו פראווען די מסיבה אין אזא גיגאנטישן קאמפלעקס.

דער היי יעריגער מעמד "כ"א כסלו" וועט פארקומען קומענדיגען מוצש"ק פר' וישב, אור ליום כ"א כסלו הבעל"ט, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל אפצוגעבן א שבח והודאה פאר'ן בוכ"ע אויף די גרויסע נסים וואס האט פאסירט אין דעם טאג כ"א כסלו שנת תש"ה, מיט די הצלה פון מרן רביה"ק זי"ע, צוזאמען מיט'ן יערליכען דינער פאר די מוסדות הק', וועלכע איז אויפגעשטעלט

**יעדע פון די דריי מאורעות רופען געווענליך ארויס טויזנטער חסידים ומעריצים וועלכע קומען זיך משתתף בײ די פרײדיגע מסיבות, דעריבער איז צו ערווארטן אז אצינד ווען די דריי סארט געהויבענע שמחות וועלן זיין קאמבאנירטאיןאייןאיינצעלנעםאוועגט, אז עס וועלן זיך דערביי צונויפקומען רבבות אלפי חסידי סאטמאר פון איבער גרעיטער ניו יארק**

געווארן דורך רביה"ק זי"ע תיכף נאך זיין אנקומען קיין אמעריקע בשנת תש"ז.

און צוגאב וועט דערביי אויך געפראוועט ווערן דער געהויבענער סיום מסכת סוטה וואס איז געלערנט געווארן דורך אלפי חסידי סאטמאר אלוועלטליך אין ראם פון חבורת "יסודי התורה", די חבורה וואס איז נתייסד געווארן דורך כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א אום ל"ג בעומר שנת תשס"ו, אין וועלכע טויזנטער חסידים זענען אנגעשלאסן און לערנען די זעלבע מסכת מיט א קביעות מידי יום ביומו.

א צ י נ ד ענדיגט די חבורה די עלפטע מסכת, מסכת סוטה, און מען גרייט זיך אנצוהייבן מסכת פסחים. אין די פארגאנגענהייט וועט מען האט מסיים געווען א מסכת אינערהאלב די חבורה איז פארגעקומען א גרויסארטיגע מסיבת סיום, ביי וועלכע עס האבן האבן זיך משתתף געווען די טויזנטער לומדים אין שפיץ פון רבנים הגאוה"צ רבני ודייני הקהלה שליט"א ועל צבאם כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א דער מייסד החבורה.

וויבאלד מען פארענדיגט די מסכת צו די זעלבע צייט, איז באשלאסן געווארן אז דער סיום המסכת וועט פארקומען באנאזאם מיט'ן גרויסארטיגן מעמד כ"א כסלו, בהשתתפות די חשוב'ע מסיימי המסכת תלמידי וחסידי סאטמאר, זקנים עם נערים, אין שפיץ פון רבנים ואדמורי"ם וועלכע קומען זיך משתתף זיין צום סעודת הודאה.

דער דריטער מאורע איז די פייערליכע שמחת שבע ברכות וואס ווערט צוגעשטעלט לכבוד די שמחת נישואין של נכדת כ"ק מרן הגה"ק שליט"א בת חדב"ן הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א רב ביהמ"ד בשכונת ברך משה, עב"ג הבה"ח בן הגה"צ רבי יואל רוקח שליט"א אבד"ק קאזלאוו-מאנסי.

יעדע פון די דריי מאורעות רופען געוועגליך ארויס טויזנטער חסידים ומעריצים וועלכע קומען זיך משתתף ביי די פריידיגע מסיבות, דעריבער איז צו ערווארטן אז אצינד ווען די דריי סארט געהויבענע שמחות וועלן זיין קאמבאנירט אין איין איינצעלנעם אוועגט, אז עס וועלן זיך דערביי צונויפקומען רבבות אלפי חסידי סאטמאר פון איבער גרעיטער ניו יארק, זיך פרייען בקול רנה ותודה המון חוגג אויף די שמחה משולשת. דעריבער זענען די עסקנים - וועלכע זענען באאויפטראגט געווארן דורך די הנהלת המוסדות צו געפינען א פאסיגן פלאץ פאר'ן דינער - געוועגן אויסן צו טרעפן גאר א מאסיוון בנין צו קענען אהערשטעלן דעם מעמד אויף א הערליכן פארנעם.

פארגאנגענעם יאר איז דער מעמד "כ"א כסלו" געפראוועט געווארן אין דעם ריזיגן "סטיינער'ס קאמפלעקס" בנין, וואס געפינט זיך אין די "נעווי יארד" ביים ברעג פון וויליאמסבורג. אבער אזוי ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט פאר-א-יאר אז דער ריזיגער בנין איז צו קליין געווען פאר די רבבות משתתפים, און א ריזיגער ציבור וועלכע זענען געקומען זיך משתתף זיין מיט גרויסע סכומים פאר'ן דינער האבן נישט געקענט אריינקומען אינעם בנין, ווייל דער ריזיגער זאל איז שוין געווען איבערגעפולט מיט מענטשן עד אפס מקום, דעריבער האט מען זיך געמוזט פריש ארויסלאזן אויף די יארכע צו זוכן א גרעסערן בנין פאר דעם היי-יעריגן כינוס אדיר.

עטליכע וואכן האבן די געטרייע עסקנים אין שפיץ פון דעם באגאבטן אדמיניסטראטאר פון די מוסדות, הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו, שווער געארבעט און ארומגענישטערט ארום דעם גאנצן ברוקלין געגענט פאר א פאסיגן מקום וואס זאל קענען אקאמאדירן דעם ריזן ציבור משתתפים ביי די מסיבה, און מיט די הילף פונעם באקאנטן מייסטער-קאארדינירער הר"ר ארי' שמואל פרענקל הי"ו בעל עי.עף. פראדאקשן איז ב"ה געלונגען צו געפונען דעם גיגאנטישן קאמפלעקס נעבן וויליאמסבורג וואס איז פאסיג געאייגענט פאר דעם מעמד אדיר.

דער געטרייער אדמיניסטראטאר ר' מרדכי אלעזר הי"ו וועלכע גיבט זיך אוועק דורכאויס דעם גאנצן יאר אז די מוסדות מיט אירע אלע פיליאלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב און אלעס זאל זיך פירן על מי מניחות, האט זיך גאר שטארק געזארגט אז היי יאר

פארזעצונג אויף זייט יא



# בשבחו של מקום

## קטעים מתוך דרשת
## הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א

### ביום כ"א כסלו אשתקד שנת תש"ע

... מ'האמיר געליינט פאריגע וואך אין די סדרה (פרשת וישלח) "ויבא יעקב שלם עיר שכם" פירט אויס דער פסוק "ויחן את פני העיר" חז"ל דרש'נען שלם מיינט מען "שלם בגופו, שלם בתורתו און שלם בממונו". אויפן ווארט "ויחן" איז א מחלוקה, צו מטבע תיקן להם, צו שווקים תיקן להם, צו מרחצאות תיקן להם, און ווי די ספרים טייטשן שוין אז דאס גייט נישט ארויף אויף גשמיות'דיגע זאכן, נאר אויף רוחניות'דיגע זאכן.

קען זיין די כוונה וואס איז נוגע לענינינו. דער רבי ז"ל אין דברי יואל אין די חנוכה תורות אות פ"ז פארענטפערט די באקאנטע קשיא וואס דער פני יהושע פרעגט, פארוואס האט אויסגעפעלט א נס אום חנוכה "טומאה הותרה בציבור"? ענטפערט דער רבי ז"ל, און ער ברענגט אראפ א שו"ת מראה יחזקאל, אז אמת "טומאה הותרה בציבור" אבער ווען מ'וויל מחנך זיין א זאך, א נייע זאך א חינוך, דאס מוז זיין אויסגעהאלטן בקדושה ובטהרה אן קיין שום קנייטש. עס מוז זיין בשלימות גמור.

ווען מ'רעדט דארט פון מחנך זיין דעם מזבח, מחנך זיין דעם בית המקדש, האט נישט געקענט זיין קיין טומאה הותרה בציבור. טומאה הותרה בציבור איז גוט אלעמאל, אבער נישט ווען עס איז נוגע צום חינוך. דאס זעלבע זאך זאגט שוין דער רבי ז"ל אין ויואל משה, מאמר שלש שבועות סימן ס"א, דארט זאגט ער אויך די זעלבע זאך, אז א חינוך אויף א זאך מוז זיין בשלימות אן קיין שום פגם אפילו ווען עס איז באופן היתר.

ס'איז באקאנט וואס דער בוטשאטשער רב זאגט, אז וועגן דעם, ווען א קינד ווערט אלט דריי יאר, געט מען אכט אז ער זאל נישט זען קיין שום ראי' אסורה. פרעגט ער, און וואס איז א טאג שפעטער? און ווען עס איז פיר יאר, דארף מען נישט אזוי אכט געבן? זאגט דער בוטשאטשער רב, אבער ווען א קינד קומט אריין לכלל חינוך, דארף דאס זיין מיט די גרעסטע קדושה וטהרה וואס נאר שייך.

דאס קען זיין, אז ווען יעקב אבינו האט געוואלט מתקן זיין א שטאט, ברענגט ארויס דער פסוק קודם, יעקב אבינו איז געווען דער וואס איז געווען "שלם בגופו, שלם בתורתו, און שלם בממונו" און דייקא ער האט געקענט זיין "ויחן את פני העיר" מתקן זיין א שטאט.

על אחת כמה וכמה, אהערשטעלן "אידישקייט אין אמעריקע" און נישט סתם אידישקייט, נאר "סאטמארער אידישקייט" וואס דער רבי ז"ל האט געזאגט כ"א כסלו תשל"ו, האט ער געזאגט "מ'האט מיר געזאגט אז סאקמיר אין אמעריקע וועט נישט קענען זיין. דאס קאן נישט זיין". האט דער רבי ז"ל געזאגט "ברוך ה' אז מ'האט דא אויפגעשטעלט סאקמיר אין אמעריקע".

"סאטמאר אין אמעריקע" מיינט "אידישקייט אן קיין פשרות" אידישקייט צום אויבערשטן. דאס איז געווען אדאנק וואס דער רבי ז"ל איז ניצל געווארן מגוב האריות שלם בגופו, שלם בממונו און שלם בתורתו, וועגן

**על אחת כמה וכמה, אהערשטעלן "אידישקייט אין אמעריקע" און נישט סתם אידישקייט, נאר "סאטמארער אידישקייט" וואס דער רבי ז"ל האט געזאגט כ"א כסלו תשל"ו, האט ער געזאגט "מ'האט מיר געזאגט אז סאקמיר אין אמעריקע וועט נישט קענען זיין. דאס קאן נישט זיין". האט דער רבי ז"ל געזאגט "ברוך ה' אז מ'האט דא אויפגעשטעלט סאקמיר אין אמעריקע".**

דעם האט ער געקענט אהערשטעלן אמעריקע אזוי ווי ער האט עס אהערגעשטעלט.

... איז היינט ווען עס איז א גרויסער יום טוב, א גרויסע נאכט פאר כלל ישראל. מיט דעם וואס אידן דא שטרענגען זיך אן צו שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות דא אין וויליאמסבורג, דעם גולת הכותרת פון סאטמאר האט מען א געוואלדיגן זכות. ס'איז ידוע דאס לשון פון הייליגן חתם סופר אין די דרשות, זאגט ער דארט, אז ווען איינער טוט א מצוה וואס א צדיק האט זיך מתחזק געווען אין די מצוה, זאגט דער חתם סופר "זוכה שאותו הצדיק מסייעו ועוזרו".

דער רבי ז"ל וואס האט אזויפיל גע'דאגה'ט פאר די מוסדות. די הייליגע נאכט יום הכיפור, ווען ער איז אראפגעקומען פון די דרשה נאך די הייליגע דרשה פון כל נדרי ביינאכט, האט ער געזאגט פאר ר' ליפא פריעדמאן ע"ה, קום אריין צו מיר היינט נאכט נאכן דאווענען, כ'האב דיר צו זאגן עפעס וויכטיג ענין. דאס איז געווען יום הקדוש ביינאכט נאך כל נדרי. איז ער טאקע אריין נאכן דאווענען, און דער רבי ז"ל האט מיט אים איבערגעשמועסט פארשידענע ענינים פון די מוסדות. דאס איז געווען דעם רבי'ן ז"ל'ס דאגה יום הקדוש אויפדערנאכט נאך אזא הייליגע דרשה.

און אויב קענען מיר האבן די זכי' אין אזא שווערן מצב, צו שטיצן אזעלכע הייליגע מוסדות, האבן מיר א שייכות צום בעל הנס, און דער בעל הנס וועט אויף אונז משפיע זיין, ווי מ'האמיר פריער נאגעזאגט פונעם חתם סופר, אז "בעולם העליון מסייעו ועוזרו".

ווען מ'שטיצט דא היינט נאכט די מוסדות הק'. די עסקנים, די חברי הנהלה, וואס געט זיך אוועק יומם ולילה פאר די מוסדות, נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט, דארף מען זיי שטיצן, אבער מ'שטיצט נישט זיי, מ'שטיצט די אייגענע קינדער.

מיר האבן נישט קיין אנונג וואס עס טוט זיך אפ אלס אפ אין אונזערע מוסדות לטובותא, אנגעהויבן פון די קליינע קינדער, וואס מ'לייגט אריין אין די קינדער אסאך חינוך, אזא אמונה טהורה, צו איז דאס ל"ט מלאכות, צו סתם אמונה אינעם אויבערשטן, אזויפיל ידיעות מיט וואס אונזערע קינדער קומען אהיים מדי שבוע בשבוע.

די גרעסערע קינדער וואס לערנען שוין משניות און שפעטער גמרא, און ווען מען האלט שוין ביי כתה ט' איז דאך אפגערעדט, ס'איז דאך פקיע שמי' וויפיל כוחות מ'לייגט אריין. יעדעס יאר ווערט כסדר מוסיף והולך וויפיל קינדער פארהערן זיך גאנץ מסכת קידושין. ובתורת עדות וואס מ'האמיר די זכי' זיי צו פארהערן, זעט מען וואסערע כוחות מ'האט אריינגעלייגט, מיט וויפיל ידיעות די קינדער ענטפערן.

און אוודאי דער מוסד בית רחל. נישט לאנג צוריק, אינגאנצן א פאר וואכן צוריק האט מיך אנגערופן איינער פון א פרעמדן מוסד און איבערגערעדט פארשידענע זאכן וואס עס טוט זיך דא ביי אונזערע מוסדות אין וויליאמסבורג, ווייל אונזערע מוסדות אין וויליאמסבורג, הן אין חינוך הבנים און חינוך הבנות איז פקיע שמי' בכל קצוי תבל.

איז אין דעם זכות וואס מיר וועלן שטיצן די מוסדות היינט נאכט, און מ'דארף האבן אסאך געלט, מיט דעם וועלן מיר האבן די זכי' אז די שכינה וועט זיין שורה בתוכינו, און מיר וועלן קענען ריכטיג אפגעבן א שבח והודי' פארן אויבערשטן על כל הטוב אשר עשית עמדי בימים ההם בזמן הזה.

ווען עס איז די בחינה פון "תנה הודך על השמים" די צדיקים וואס זענען אין די בחינה פון הוד, זענען שוין על השמים, איז מיט דעם וואס מיר וועלן שטיצן די "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז" וועלן מיר האבן א שייכות צום בעל הנס, אינאיינעם דרי מעלה עם דרי מטה וועלן מיר זיך דערהייבן און אפגעבן א שבח והודי' פארן אויבערשטן אז חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו אז מיר האבן אזא גרויסן ציבור וואס פריידט זיך מיט דעם גרויסן נס.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מיר זאלן אלע געהאלפן ווערן מיט בני וחיי אריכי ומזוני רויחי עד ביאת גואל צדק, דער טאטע זאל זיין געזונט בראש זאל אונז פירן בקרוב קעגן דעם גואל צדק, בב"א.

**ווען דער רבי ז"ל איז אראפגעקומען נאך די הייליגע דרשה פון כל נדרי ביינאכט, האט ער געזאגט פאר ר' ליפא פריעדמאן ע"ה, קום אריין צו מיר היינט נאכט נאכן דאווענען, כ'האב דיר צו זאגן עפעס וויכטיג. איז ער טאקע אריין נאכן דאווענען, און דער רבי ז"ל האט מיט אים איבערגעשמועסט פארשידענע ענינים פון די מוסדות. דאס איז געווען דעם רבי'ן ז"ל'ס דאגה יום הקדוש אויפדערנאכט נאך אזא הייליגע דרשה.**

כמה מעלות טובות

במוסדותינו

# #1

# ותלמוד תורה כנגד כולם



## די נורסערי-קינדערגארטן

אפטיילונג פון אונזער מוסדות איז ברייט באקאנט אלס די בעסטע תלמוד תורה וואו צו שיקן די גאר קליינע קינדער.

דער פראקטישער אופן וויאזוי מען לערנט מיט די קליינע תלמידים זיי זאלן פארשטיין און געדענקן די לימודים, ווערט באוואונדערט דורך בעלי מחנכים פון איבעראל.

**א ספעציעלע שטאב איז אויפגענומען געווארן וועלכע געבן זיך אפ מיט אלע זייטיגע צוגרייטונגען כדי אז די מלמדים זאלן זיך קאנצעטרירן בלויז אויסצולערנען די קריטיש וויכטיגע יסודות פאר די אינגע קינדער**

**בלויז מיט**
**פעסטע פינאנציעלע יסודות, קענען מיר**
**באפעסטיגן די יסודות פון אונזערע קינדער**

**פאקטן:**

**5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.**

**ציפערן:**

יערליכער בודזשעט: $22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט: $4,878,305.00 • **היי יעריגע גרויסע הוצאות:** בנינים מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל: $12,709,405.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $1,699,934.00 • הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.

# דינער השנתי • כ"א כסלו • מוצש"ק פ' וישב

## פולאסקי פארט קאמפלעקס



# א שמירה פאר זיך אליינס!

אין א מאמר וואס מ'האמיר מיט עטליכע וואכן צוריק צוגעברענגט ממשנת מרן רביה"ק זי"ע ברענט דער רבי זי"ע ארויס, אז מיט דעם וואס מען שטיצט די מוסדות, קויפט מען זיך איין די געוואלדיגע סגולה אז מען זאל קענען מחנך זיין די קינדער על דרך הטובה והישרה.

און ס'איז א שאלה וואס פרעגט זיך אפט ביים ציבור. מ'הערט היינט זייער אסאך רעדן און מעורר זיין, אז מען זאל זיין נזהר פון דעם, און זיין אפגעהיטן פון דעם, ווייל דאס אלעס איז די גרעסטע סכנה "פאר די קינדער" "פאר די דורות" א. א. וו. ותמיהין ושיילין לי', וואס טוט זיך מיטן מענטש אליינס? יעדער פאר זיך איז עפעס אזוי פארזיכערט? פארוואס עפעס דארף דער חינוך פון זיינע קינדער אים מער פאראינטערעסירן ווי זיין אייגענע שמירה?

און לאמיר זיין אויפריכטיג. מחנך זיין קינדער איז ווירקליך זייער א שווערע נושא היינטיגע צייטן, אבער צו האבן שמירה אויף זיך אליינס איז צומאל נאך שווערער. אידן גייען ארויס על המחי' ועל הכלכלה, און עס איז זייער שווער זיך צו דערהאלטן בצוק העתים.

עס איז אינטערסאנט צו ציטירן א הייליג לשון וואס מרן רביה"ק זי"ע האט אמאל געזאגט. געווען איז דאס ביים דינער לטובת מוסדותינו הק' וואס איז אפגעראכטן געווארן מוצש"ק פרשת וישב שנת תשי"ב, אויף 550 בעדפארד עוו. (געוועזענע נעפ-מענשאן בנין, וואו עס שטייט היינט די גרויסער סטרוקטור פונעם ביהמ"ד החדש שע"י קהלתינו הק'). דער בנין וואס איז דאן געשטאנען אויף דעם ארט, איז נתחנך געווארן ביים מעמד הדינער, און דערביי האט דער רבי זי"ע זיך ברייט צושמועסט איבער דעם שוואכן מצב פון אידישקייט אין אמעריקע. בין הדברים האט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרוקט בל"ק: "ווען מען זעט דעם מצב דא אין אמעריקע זעט



מען אז מצרים איז נאך געווען הייליג קעגן אמעריקע!".

דאס האט דער רבי זי"ע געזאגט דאן מיט באלד זעכציג יאר צוריק! וואס זאל מען זאגן היינט, ווען טעכנעלאגיע האט איבערגענומען די וועלט, און די כוחות היצר דרינגען אריין מיט אלע כוחות. אידן ווילן דאך זיין ערליך! אידן ווילן זיך דאך אפהיטן! ווי אזוי קען מען קען זיך מתגבר זיין קעגן די כוחות? איז דא עפעס אן עצה? עפעס א שמירה?

## לא נירא בהמיר ארץ

לאמיר זיך פארטיפן במשנת מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, וואס ער האט אמאל געזאגט ביי א מסיבה להחזקת מוסדותינו הק'.

געווען איז דאס בשנת תשמ"א, א קורצע צייט נאכן הסתלקות פון מרן רביה"ק זי"ע. געוויסע קרייזן אין חסידישן לאגער האבן דאן פרובירט זיך צו הייבן די קעפ, און האבן אנגעהויבן צו פארשפרייטן זייערע גיפטיגע השקפות ביים ציבור שלומי אמוני ישראל.

ביים ציבור אנשי שלומינו געדענקט זיך נאך גוט ווי יענעם יאר ביי די גרויסע מסיבה ביום כ"א כסלו, האט דער רבי זי"ע זיך געשטעלט אויפן פסוק אין תהלים "אלקים לנו מחסה ועוז עזרה בצרות נמצא מאוד, על כן לא נירא בהמיר ארץ ובמוט הרים בלב ימים" און כפי דרכו האט דער רבי זצ"ל דאס אויסגעטייטשט אז טראץ וואס עס איז המיר ארץ, אנדערע ווילן אריינברענגען א תמורה אין די תורה און אין דעם חינוך וואס מ'האט מקבל געווען אלע יאר, אבער "לא נירא" און מ'וועט זיך ווייטער דערהאלטן ביים דרך הסלולה מאבותינו ורבותינו הק' זי"ע.

פארזעצונג אויף זייט ח ◂◂



פארזעצונג פון זייט ז

בסיום דבריו האט דער רבי זצ"ל דאן משמיע געווען רעיון נפלא וואס קען צונוץ קומען פאר יעדן איד, ובפרט בימינו אלה. דער רבי ז"ע האט דאן צוגעברענגט א הייליג ווארט וואס מרן דודו רביה"ק ז"ע האט אמאל געזאגט ביי א מסיבה להחזקת המוסדות.

## עזרה נמצא מאו"ד

האט דער רבי ז"ע מקדים געווען א ווארט פון מרן אביו הגה"ק בעל קדושת יום טוב ז"ע, אויף א מדרש אין די קומענדיגע וואך פרשת וישלח "ויאמר לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל, כי שרית עם אלקים ואם אנשים ותוכל" זאגט דערויף דער מדרש "זה שאמר הכתוב אשר איש ירא את ה' במצוותיו חפץ מאוד".

ברענגט דער קדושת יום טוב צו דעם מאמר חז"ל וואס רש"י ברענגט אנהייב פרשת צו "ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס". זאגט ער אז עס איז זענען פאראן מענטשן וואס קענען זיך מתגבר זיין אויף אלע מניעות, און זיי טוען אלע מצוות בשלימות. אבער ווען עס קומט צו א מצוה וואס קאסט געלט, דארט האבן זיי שוין אן התגברות היצר, און א מצוה וואס קאסט געלט, דאס טוען זיי שוין נישט בשלימות.

זאגט ער אז אויף דעם איז די תורה מזהיר אין די פרשה פון קריאת שמע "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשיך וכל מאוד"ך" און ווי חז"ל דרש'נען אין מסכת ברכות "בכל מאודך, בכל ממונך". חז"ל ווילן דערמיט זאגן, אז אויך ביי א מצוה וואס קאסט אסאך געלט, דארף מען האבן יראת שמים, און מען דארף זיך מזרז זיין צו טון אויך די מצוות בתכלית השלימות.

פירט דער קדושת יום טוב ז"ע אויס, אז דאס מיינט דוד המלך ע"ה מרמז צו זיין אינעם פסוק "אשרי איש ירא את ה' במצוותיו חפץ מאוד". אז ווען מען וויל זען אויב א מענטש איז טאקע א ירא שמים באמת, וואס איז די סימן דערצו? אויב "במצוותיו חפץ מאוד" אפילו אזעלכע מצוות וואס איז תלוי "במאוד" עס קאסט געלט, און דאך טוט ער מענטש דאס בשלימות, דאס איז א באווייז אז דער מענטש איז א ירא שמים. זאגט ער אז דאס זעלבע איז אויך מרומז אינעם דערמאנטן פסוק אין פרשת וישלח "כי שרית עם אלקים ואם אנשים" פשט איז, אז ער איז נישט בלויז "שרית אם אלקים" ער איז נישט בלויז ערליך בעניני עבודת ה' ווי תורה ותפלה, נאר אויך "ואם אנשים" מיט ענינים וואס האט צו טון בין אדם לחבירו, ביים געבן צדקה און טון חסד, אויך דאס פירט ער אויס בשלימות, דאס איז א ריכטיגער "שרית" און עס איז "ותוכל" מיט דעם קען מען בייקומען דעם יצר הרע. פארשטייט מען שוין דעריבער זייער גוט פארוואס דער מדרש ברעגט דא צו דעם פסוק. אזוי זאגט דער קדושת יום טוב ז"ע.



האט מרן רביה"ק מוסיף געווען דערויף א רעיון נפלא. אז באמת זעט מען אז דאס ווארט "מאוד" האט דריי טייטשן. א) א לשון פון שטארקייט, ווי מען זעט אז ווען די תורה וויל זאגן אויף עפעס א זאך אז עס איז ספעציעל שטארק, ווערט דאס אנגערופן מיטן ווארט "מאוד" ווי דער פסוק זאגט פרשת שלח "כי טובה הארץ מאוד" און אזוי אויף נאך פלעצער. ב) ווידער זעט מען אז "מאוד" איז טייטש געלט, ווי מ'זעט אינעם פריערדערמאנטן חז"ל אז "בכל מאודך" מיינט מען "בכל ממונך", ג) א דריטן אפטייטש אויף "מאוד" טרעפט מען אין מדרש רבה אז "מאוד" מיינט מען דעם "יצר הרע", ווי חז"ל דרש'נען אויפן פסוק "וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד" טוב זה יצר טוב, און מאוד זה יצר הרע.

ברענגט דער רבי ז"ע צו וואס עס שטייט אין ספה"ק תולדות יעקב יוסף פרשת אמור, וואס ער שרייבט "קבלתי מגדול אחד" אז א ווארט וואס ווערט אפגעטייטשט מיט עטליכע טייטשן, זענען אלע פשטים אמת.

דאס זעלבע זענען די דריי אפטייטשן אויפן ווארט מאוד אלעס אמת און עס זענען מקושר איינס אין צווייטן. ווייל חז"ל זאגן אין מסכת ברכות אויפן פסוק "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" פרעגן דאך חז"ל, אויב עס שטייט שוין בכל לבבך וואס פעלט אויס צו שטיין בכל מאודך וכו' נאר אמאל איז פאראן א מענטש וואס "ממונו חביב עליו מגופו" ער וואלט ענדערש אוועקגעגעבן זיין געלט, אפילו אויב וויל אים הרג'נען, דעריבער דארף די תורה זאגן "בכל מאודך". איז לכאורה דארף מען דאס פארשטיין, איז דען דא אזא נארישער מענטש וואס זאל זיין גרייט אז מען זאל אים ענדערש הרג'נען ווי איידער ער זאל אוועקגעבן זיין געלט? מיט'ן פשוט'ן שכל קען מען אזא זאך נישט פארשטיין, פארקערט דער פסוק זאגט דאך "כל אשר לו יתן האדם בעד נפשו".

אבער טראץ וואס בדרך הטבע פארשטייט מען דאס טאקע נישט, קען זיך אבער מאכן אז דער יצר הרע איז זיך אזוי שטארק מתגבר אויפן מענטש אז ער זאל זיין להוט נאך זיין געלט, אז ער זאל אפילו גרייט זיין אז מען זאל אים ענדערש הרג'נען ווי איידער ער זאל אוועקגעבן זיין געלט. דער התגברות היצר קען זיין אזוי שטארק אז דער מענטש זאל צוקומען צו אזעלכע זאכן וואס מיט'ן פשוטן שכל פארשטייט מען דאס ניטאמאל.

איז דאך באקאנט וואס חז"ל זאגן אין

פארזעצונג אויף זייט ט

**ווען מען וויל זען אויב א מענטש איז טאקע א ירא שמים באמת, וואס איז די סימן דערצו? אויב "במצוותיו חפץ מאוד" אפילו אזעלכע מצוות וואס איז תלוי "במאוד" עס קאסט געלט, און דאך טוט ער מענטש דאס בשלימות, דאס איז א באווייז אז דער מענטש איז א ירא שמים.**

פארזעצונג פון זייט ח

מסכת סוכה, אז "יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, ואלמלא הקב"ה עוזרו לא יכול לו". זעט מען פון דעם אז דער יצר הרע איז בכלל זיך זייער שטארק מתגבר אויף א מענטש, און מ'קען זיך נישט שטארקן קעגן אים נאר מיט גרויס סייעתא דשמיא. ווידער ביים "יצר טוב" טרעפט מען נישט אז ער זאל זיך אזוי שטארק מתגבר זיין אויף א מענטש. דער יצר הרע איז מעורר דעם מענטש, ער רעדט אים צו אז ער זאל מקיים זיין תורה ומצוות, אבער ער קומט נישט מיט קיין כח פון "התגברות" ווייל אויב וואלט ער יא אזוי געקומען, וואלט דער מענטש פארלוירן זיין כח הבחירה, און עס וואלט נישט געווען קיין נסיון פאר א מענטש בוחר צו זיין בטוב. דער יצר טוב רעדט צו דעם מענטש צו טון גוטס, און אויב הערט מען אים אויס איז גוט, און אויב נישט איז ער זיך נישט מתגבר.

דאס איז פשט - זאגט דער רבי - וואס חז"ל זאגן אז טוב זה יצר טוב און מאוד זה יצר הרע. ווייל דער יצר טוב טוט נאר דאס, אז רעדט צו דעם מענטש אז ער זאל זיין "טוב" ער זאל זיך פירן גוט. משא"כ דער יצר קומט מיט א כח פון "התגברות" ער קומט מיט א כח פון "מאוד".

דאס איז דער פשט פון די דריי טייטשן אויף "מאוד". מאוד מיינט א לשון פון התגברות, אבער דער התגברות איז נאר דא ביים "מאוד" ביים יצר הרע וואס ווערט אנגערופן "מאוד" און דאס זעלבע זעט מען טאקע ביי "ממונו של אדם" וואס דער כח פונעם יצר הרע קען אמאל זיין אזוי שטארק, אז דער מענטש זאל גרייט זיין אז מען זאל נוטל זיין את נפשו, ווי איידער זיך צו שיידן פון זיין געלט. אזוי זאגט דער רבי זי"ע.

האט דער רבי בעל ברך משה זצ"ל דערויף צוגעלייגט, אז מיט דעם פארשטייט מען גוט דעם פסוק אין תהלים "על כן לא נירא בהמיר ארץ עזרה בצרות נמצא מאוד". אז אין א צייט ווען עס איז יעדער דא א שטארקע ירידה, עס איז דא א שטארק התגברות היצר, דער יצר הרע פארלייגט זיך שטארק אויף אלע געביטן, און עס איז שווער זיך גובר צו זיין אויף דעם געוואלדיגן התגברות פונעם יצר הרע. וואס איז די עצה? די עצה אז מען זאל קענען בייקומען דעם יצר הרע, איז "מחזק צו זיין תורה" אויסצונוצן דעם "מאוד" קעגן דעם "מאוד" געבן אסאך געלט פאר תורה, אז דאס זאל זיין א סגולה קעגן דעם "מאוד" דעם שטארקן כח פונעם "מאוד זה יצר הרע".

"על כן לא נירא בהמיר ארץ ובמוט הרים" ווען דער יצר הרע וועט קומען מיט זיינע פיתוים, ער וועט וועלן איינרעדן דעם מענטש אז ער זאל ח"ו ממרה זיין את פי ה', וועט דער מענטש נישט דארפן מורא האבן דערפאר, וויאזוי? "עזרה בצרות נמצא מאוד" די עצה דערצו איז דורכן "מאוד" צו געבן געלט און מחזק צו זיין די מוסדות הק' מיט "מאוד" מיט אסאך געלט, דעמאלט וועט מען קענען ניצל ווערן מפותיי היצר.



## א סימבאל פאר די קינדער!

די ווערטער האט דער רבי זי"ע געזאגט שוין מיט אסאך יאר צוריק. שוין גאנצע דרייסיג יאר איז פארריבער זינט דער רבי זצ"ל האט געזאגט די ווערטער, און אין די דרייסיג יאר האט די וועלט זיך שוין זייער זייער אסאך געביטן. די נסיונות פון אמאל זענען גאלד קעגן די נסיונות וואס איז דא היינט, און אידן זוכן סגולות און עצות ווי אזוי צו קענען פארבלייבן ערליך און אפגעהיטן. די עצה איז "עזרה נמצא מאוד" מחזק צו זיין תורה בטהרה, און צו שטיצן די מוסדות הקדושים וואו די אייגענע קינדער ווערן נתחנך.

אז איר וועט אמאל גיין צו א דרשה וואו מען רעדט עניני חינוך הבנים, וועט איר אלעמאל הערן ווי די בעלי דרשנים ברענגען ארויס דעם פאקט, אז די עלטערן דארפן זיין א מוסטער פאר די קינדער. עס איז כמעט אוממעגליך מחנך צו זיין קינדער, אויב די הנהגה פון די עלטערן איז קאנטראסט מיט דעם חינוך וואס ווערט פארלאנגט פון די קינדער. דאס איז א פאקט וואס אלע בעלי מחנכים זענען מעיד דערויף, און מען איז כסדר מעורר אז די עלטערן דארפן זיין א מוסטער פאר די קינדער מיט זייער התנהגות.

אויב וויל מען קענען מחנך זיין קינדער, מ'וויל קענען זיין א מוסטער פאר די קינדער פון אן ערליכער אפגעהיטענער איד, דארף מען זען צו שטיצן די מוסדות הקדושים מיט גרעסערע סכומים, און אז מען שטיצט די מוסדות האט מען דערצו נאך די אויסטערלישע סגולה אז דאס שטיצן די מוסדות זעלבסט איז אן הבטחה און שמירה אז מען זאל מצליח זיין ביים מחנך זיין די קינדער, ווי מ'האמיר שוין געברענגט ביי א פריערדיגע געלעגנהייט די דברות קודש פון רבי'ן זי"ע.

אזוי אז עס איז הא בהא תליא. אויב מען שטיצט די מוסדות הק', איז מען אליינס ערליך, און אז מען איז אליינס ערליך קען מען האפן מצליח צו זיין מחנך צו זיין די קינדער, און ווי דער רבי זצ"ל זאגט, אז דאס שטיצן די מוסדות איז די פארזיכערסטע סגולה פאר הצלחה בחינוך הבנים.

**אויב וויל מען קענען מחנך זיין קינדער, דארף מען זען צו שטיצן די מוסדות הקדושים מיט גרעסערע סכומים, און אז מען שטיצט די מוסדות האט מען דערצו נאך די אויסטערלישע סגולה אז דאס שטיצן די מוסדות זעלבסט איז אן הבטחה און שמירה אז מען זאל מצליח זיין ביים מחנך זיין די קינדער.**

## מוסיפין בקודש

דער רבי בעל ברך משה זצ"ל האט טאקע ביי

פארזעצונג אויף זייט טו



# וכל בניך למודי ה'

## כמה מעלות טובות #2 במוסדותינו



## אין די כיתות א-ב-ג

פון אונזערע מוסדות ווערט ארייגעלייגט גאר שטארקע כוחות זיכער צו מאכן אז יעדער תלמיד לערנט זיך אויס קלאר די יסודות פון עברי, און פארשטייט גרינטליך חומש רש"י און משניות.

די אויסגעקליבענע שטאב פון מנהלים, מלמדים און מחנכים, געבן זיך אוועק מיט'ן גאנצן הארץ און מח פאר די הצלחה פון יעדן תלמיד באזונדער.

**א געניטע שטאב פון פריוואטע מלמדים איז צוגעשטעלט געווארן, וועלכע לערנען צו פריוואט מיט די תלמידים וועלכע דארפן צומאל סעד לתומכו.**

## די הנהלת המוסדות בעט אצינד **פריוואטע** הילף:

מיר זענען אנגעוויזן אויף די שטיצע פון יעדן יחיד!

**פאקטן:**

**5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.**

**ציפערן:**

יערליכער בודזשעט: $22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט: $4,878,305.00 • **היי יעריגע גרויסע הוצאות:** בנינים מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל: $12,709,405.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $1,699,934.00 • הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.

# דינער השנתי • כ"א כסלו • מוצש"ק פ' וישב

פולאסקי פארט קאמפלעקס

# גיגאַנטישער "פּולאַסקי פּאָרט קאָמפּלעקס" אויסגעקליבן צו אַקאָמאָדירן רבבות אנ"ש ביים כינוס אדיר "כ"א כסלו"

פארזעצונג פון זייט ג

זאל דער דינער פארקומען אין א גיגאנטישן זאל כדי עס זאל זיין גענוג זיץ פלעצער פאר אלע משתתפים ביים דינער. און ווי ער גיבט

**באזונדער איז צו באוואונדערן דער פאקט אז אלע כלי קודש באקומען באצאלט זייער פעיראל יעדע צוויי וואכן אן אויסנאם. דער איינציגסטער מוסד וואו מען האט באצאלט די איינגעשטעלטע אין צייט, טראץ די גאר שווערע עקאנאמישע צייטן.**

אצינד איבער וועט אין דעם היי-יעריגן בנין זיין איבער 1,500 זיץ פלעצער מער ווי פאר-א-יאר אינעם "סטיינער'ס קאמפלעקס".

דער מעכטיגער בנין "פּולאַסקי פּאָרט קאָמפּלעקס" פארמאגט 73,000 סקווער-פיס, וואס וועט אי"ה ווערן מייסטערהאפטיג אויסגעשטעלט אז מען זאל קענען מכבד זיין אלע משתתפים מיט א זיץ ארט איש על מחנהו ואיש על דגלו, דער ציבור זאל האבן די מעגליכקייט זיך צו קענען וואשן און עסן רואיג די רייכע סעודה וואס וועט סערווירט ווערן לכבוד סעודת מלוה דמלכה און שמחת היום, און אויסהערן די אינהאלטסרייכע דרשה פון די גדולי הרבנים ובעלי דרשנים שליט"א.

עס וועט זיין ספעציעלע טישן צוגעשטעלט פאר די זקני ופארי הקהלה און פאר די ראשי ונכבדי הקהלה ומנהלי המוסדות פון איבער גרעיטער ניו יארק. באזונדער וועט זיין צוגעשטעלט רייך געדעקטע טישן פאר די גדולי תומכי המוסדות וועלכע קומען זיךי באטייליגן ביי דעם מעמד. און דער איבריגער טייל פונעם זאל וועט אויסגעשטעלט ווערן מיט ברייטע טישן און טויזנטער זיץ פלעצער פאר כל הקהל הקודש. ביי די זייט פונעם זאל וועט זיין אויסגעשטעלט טישן און בענק פאר די א ל פ י בחורי הישיבות.

א י ן צ ו ג א ב פארמאגט דער בנין עטליכע זייטיגע זאלן וואס וועט ווערן ספעציעל צוגעשטעלט פאר צרכי ציבור און אויפצוהענגען די מאנטלען. אין איינע פון די זייטיגע זאלן וועט זיין איינגערישט א סעודה פאר די עזרת נשים די קרובי משפחה וועלכע קומען זיך באטייליגן לכבוד די שמחת שבע ברכות.

אין די טעג גייען אן די פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען צו דעם מעמד אדיר ונשגב, און די עסקנים וועלכע געבן זיך אפ מיט דעם מעמד אדיר ונשגב זיצן נאכאנאנד אויף מיטונגען מיט די הנהלת המוסדות אויסצוארבעטן אלע דעטאלן און פונקטליכע פלענער אז דער גראנדיעזער מעמד זאל געקרוינט ווערן מיט'ן מאקסימאלסטע סוקסעס און עס זאל זיין א ריכטיגע מאניפעסטאציע פאר די מוסדות הק'.

ווי פארשטענדליך איז די עיקר מטרה פון די גרויסארטיגע מסיבה די הכנסה פאר די מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג, וואס באשטייט היינט צו טאג פון קרוב צו



זעקס טויזנט תלמידים ותלמידות בליעה"ר, וועלכע ווערן נתחנך על דרך התורה והיראה הסלולה, תחת נשיאותו הרמה של כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, וועלכע האט מחזיר געווען עטרה ליושנה און איבערגעפרישט די מוסדות מיט פינף יאר צוריק, אויפ'ן דרך פונעם מייסד המוסד רביה"ק זי"ע.

נאך היינט צו טאג רופט ארויס גרויס וואונדער און באגייסטערונג דער געוואלדיגער ערשיינונג וואס תלמידי וחסידי סאטמאר האבן בייגעוואוינט מיט עטליכע יאר צוריק, ווען די מוסדות זענען נתחדש געווארן. עס האט קיינער נישט גע'חלומ'ט אז מען וועט אין אזא קורצער צייט האבן אויפגעשטעלט אזא ריזיגער נעץ פון אלע אפטיילונגען פון די מוסדות, און אלעס זאל זיין איינגערישט על צד היותר טוב אין די הערליכע ריזיגע בנינים.

ברם יזכרו לטוב די געטרייע חברי ההנלה וועלכע האבן זיך עפ"י ברכת הקודש פון מרן הגה"ק שליט"א זיך אריינגעווארפן אין די הייליגע ארבייט און אהערגעשטעלט פולקאמע מוסדות פון אונטן ביז ארויף. און זינט יענעם טאג האבן זיי נאכנישט אוועקגעטראטן, נאר זיי שטייען ווייטער על המשמר און פירן אן ווייטער מיט דעם ריזיגן בודזשעט פון קרוב צו 23 מיליאן דאלאר.

די מוסדות הק' שמ'ט איבער די גאנצע שטאט מיט איר הויכער חינוך ניווא, צו וואס פיל לאנג-יעריגע מוסדות התורה קענען זיך ווייט פארשטעקן. אין די פארהעלטניסמעסיג קורצע צייט זינט די מוסודת זענען איבערגעפרישט געווארן, זענען שוין צענדליגער מנהלים ומחנכים פון אנדערע מוסדות התורה געקומען נעמען עצות און הדרכות פון די הנהלה רוחניות פון די מוסדות, נאכ'ן צוזען די געוואלדיגע רעזולטאטן פון דעם סאטמארן חינוך.

דער הויכער חינוך סטאנדארט אין די מוסדות איז צו פארדאנקן די געטרייע איבערגעבענע מחנכים ומחנכות וועלכע געבן זיך אוועק מיט'ן גאנצן הארץ און מח פאר די הצלחה פון יעדן תלמיד ותלמידה בפרטיות. יעדע אפטיילונג אין די מוסדות איז ספעציעל אויסשטאפירט מיט א גרויסע שטאב פון מיטארבייטער וועלכע העלפן ארויס אז די מלמדים ומחנכות זאלן קענען אריינלייגן אין די קינדער דעם ריכטיגן און עפעקטיוון חינוך על דרך הסלולה פון מרן רביה"ק זי"ע.

אם אין קמח אין תורה. זעלבסטפארשטענדליך אז אן קיין געלט קען מען דאס אלעס נישט באווייזן. די געטרייע הנהלת המוסדות שפארט נישט קיין געלט ווען עס קומט אונטער קאסטן וואס וועלן ברענגען א טובה פאר'ן חינוך פון די תלמידים, און מיט א געוואלדיגע געטריישאפט ווערט

פארזעצונג אויף זייט יב



# תשב"ר במוסדותינו הק' זענען מתפלל להצלחתם פון "דינער עסקנים"

די עסקנים דרייען זיך ארום יעדע נאכט, מ'קלאפט אן אויף די פתחי נדיבים בעם, זוכענדיג צו שאפן וואס גרעסערע סכומים לטובת מוסדותינו הק', וועלכע זענען אזוי שטארק אנגעוויזן אויף די ווארימסטע שטיצע פון אנ"ש אין די איצטיגע טעג פארן מעמד הדינער.

פאר וועמען ארבעטן די עסקנים? און פאר וועמען ארבעטן די הנהלה? "נאר" פאר די טייערע תשב"ר תלמידי מוסדותינו הק', וועלכע ווערן נתגדל אין די הייליגע מוסדות, וואס די הנהלה ארבעט איבערמידליך זיכער צו מאכן בעזהשי"ת אז די תלמידים קענען באקומען דעם העכן ניווא פון חינוך וואס ווערט געגעבן אין אונזערע מוסדות הק'.

אזוי ארום זענען די טייערע קינדער דאס מערסטע אנגעוויזן אז די עסקנים זאלן מצליח זיין צו שאפן גרויסע געלטער, ויפה עשו די טייערע תשב"ר פון איין כתה אין די מוסדות, וועלכע האבן מקדיש געווען א געוויסע צייט אין טאג, ספעציעל מתפלל צו זיין פאר די הצלחה פון די עסקנים.

די קינדער וואס לערנען אין די כתה פון הרה"ח כהן שדעתו יפה מוה"ר שמואל דוד הכהן מאשקאוויטש שליט"א, אליינס אן עסקן וואס גייט ארום יעדן אויפדערנאכט אויפצוארבעטן די נדבות לטובת מוסדותינו הק', האט צוזאמען מיט די תלמידים פון זיין חדר, געזאגט עטליכע קאפיטלעך תהלים, און דערביי ארויסגעזאגט בפה מלא, אז מען איז מתפלל פאר די הצלחה פון די עסקנים, וואס ווירקליך באדייט דאס, די אייגענע הצלחה, דורך וועלכע זיי זעלבסט וועלן בעזהשי"ת מצליח זיין צו קענען שטייגן בתורה ויראת שמים.

די עסקנים הדגולים האבן געשעפט גרויס חיזוק פון דעם שיינעם אקט, און ווי זיי זאגן אלע שפירט מען בחוש ווי די תפלות פון די תשב"ר באגלייט זיי אויף טריט און שריט.

עשה למען תינוקת של בית רבן.



◄◄ פארזעצונג פון זייט יא

יעדער פארלאנג לתועלת החינוך תיכף צוגעשטעלט.

באזונדער איז צו באוואונדערן דער פאקט אז אלע כלי קודש באקומען באצאלט זייער פעיראל יעדע צווי וואכן אן אויסנאם. צום וואונדער פון אלע מוסדות התורה איבער די שטאט, איז די סאטמארער מוסדות דער איינציגסטער מוסד וואו מען האט באצאלט די איינגעשטעלטע אין צייט, טראץ די גאר שווערע עקאנאמישע צייטן. די הנהלת המוסדות לייגט אריין שווערע כוחות זיכער צו מאכן אז די כלי קודש באקומען זייער געהאלט צייטליך, כדי זיי זאלן קענען פארזעצן מיט זייער הרבצת התורה מיט הרחבת דעת און מנוחת הנפש.

דאס איז חוץ די ריזיגע מארטגעדזש פעימענטס וואס די הנהלה דארף צאלן רעגלמעסיג פאר די ריזיגע בנינים פון די מוסד, און אלע אנדערע ריזיגע הוצאות וואס ליגט ווי א שווערע לאסט אויף די געטרייע חברי הנהלה. דעריבער איז דער יערליכער דינער פון כ"א כסלו א דערלייכטערונג פאר די הנהלת המוסדות, וואן זיי קוקן ארויס אויף די ברייטע נדבה פון יעדן יחיד אן אויסנאם.

שוין עטליכע וואכן וואס צענדליגער בעלי בתים און אברכים עסקני המוסדות, קורסירן ארום ביי די הייזער פון אלע תלמידי וחסידי סאטמאר אין וויליאמסבורג, די עסקנים שטאטן אפ באזוכען אין די הייזער, און ווארעמען אויף דעם ציבור מען זאל זיך ביישטייערן מיט גרויסע סכומים לטובת המוסדות. און ווי די עסקנים געבן איבער רופט זיך דער עולם אן ווארעם מיט גרויסע נדבות אויפ'ן פלאץ.

וואס א טאג עס גייט פארביי, וואקסט כסדר דאס התרגשותביים ציבור צו דעם קומענדיגן מעמד הגדול והמפואר, וואן עס וועלן זיך צוזאמקומען תחת קורת גג אחד אלפים ורבבות תלמידי וחסידי סאטמאר מכל מקומות מושבותיהם, צו דעם מעמד רבתי וכינוס המשולשת, און דער ברייטער ציבור קוקט ארויס מיט גרויס שפאנונג אויפ'ן היסטארישן כינוס.

כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעולם!




# אחלקם ביעקב, להעמיד סופרים בישראל

(מדרש רבה)

## די כיתות ד-ה-ו-ז-ח

אין אונזערע מוסדות זענען ספעציעל צעטיילט אין צוויי חלקים, כדי יעדער תלמיד זאל באגלייט ווערן בהשגחה פרטית דורך איין מנהל דורכאויס די אלע יארן.

**דורך דעם געוואלדיגן סיסטעם ווערט באמערקט באצייטענס פיל שווערע פראבלעמען, וועלכע מען איז תיכף מסדר, און מען מאכט זיכער אז קיינער "בלי שום יוצא מן הכלל" פאלט נישט ארויס.**

## צו פארזיכערן די עתיד פון אונזערע דורות, דארפן מיר פארזיכערן דעם עתיד פון די מוסדות

**פאקטן:**

**5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.**

**ציפערן:**

יערליכער בודזשעט: $22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט: $4,878,305.00 • **היי יעריגע גרויסע הוצאות:** בנינים מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל: $12,709,405.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $1,699,934.00 • הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.

# דינער השנתי • כ"א כסלו • מוצש"ק פ' וישב

פולאסקי פארט קאמפלעקס

# זה לעומת זה

## די פריידיגע פאקטן קעגן די שווערע ציפערן

## מוסדות פאקטן:

**5 יאר זינט התחדשות המוסדות**

קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש

**מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000**
**תלמידים ותלמידות בליעה"ר**

532 איינגעשטעלטע

**28 באסעס**

5 גיגאנטישע בנינים

**205 הערליכע קלאס צימערן אין ת"ת**
**און אין בית רחל**

## בוקגעט ציפערן:

**היי' יעריגע גרויסע הוצאות**

פעיראל פאר די כלי קודש:

**$12,709,405.00**

31% דערפון ווערט נישט געדעקט פון שכר לימוד

מארטגעדזש פאר די בנינים:

**$2,332,602.00**

טראנספארטאציע הוצאות:

**$1,699,934.00**

בוי ארבייט פאר נייע "מנוחה ושמחה זאלן":

**קרוב צו א מיליאן דאללאר**

בוי ארבייט פאר'ן בנין אויף ווארסאף סט.:

**קרוב צו $100,000.00**

**סך הכל בודזשעט היי יאר:**

**$22,188,081.00**

**דערפון בלייב איבער א דעפיציט פון:**

**$4,878,305.00**

**דינער השנתי • כ"א כסלו • מוצש"ק פ' וישב**

פולאסקי פארט קאמפלעקס

# א שמירה פאר זיך אליינס!



פארזעצונג פון זייט ט

יענער געלעגענהייט פארלאנגט פונעם ציבור אז די ווערטער זאלן ברענגן לידי מעשה, און האט שטארק אויפגעפאדערט אז דער ציבור זאל זיך ספעציעל אנשטרענגן צו שטיצן די מוסדות מיט גרעסערע סכומים. האט דער רבי זצ"ל דאן געזאגט ווי פאלגענד:

"וויל איך דא פארלייגן פארן ציבור. מ'טרעפט אין די תורה (אין די וואכענדיגע סדרה פרשת ויצא) אז יעקב אבינו האט געזאגט "וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך" לערנען חז"ל ארויס פון דעם, אז "המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" ווייל יעקב אבינו האט געזאגט "עשר אעשרנו" און צוויי צענטלעך איז א פינפטל. איז דאך לכאורה שווער, פארוואס טאקע האט יעקב אבינו געזאגט א לשון פון 'עשר אעשרנו' ער וואלט דאך געדארפט זאגן "אחמש לך" און בכלל פארוואס עפעס האט ער געזאגט די ווערטער "וכל אשר תתן לי" זיכער וועט ער געבן מעשר נאר פון דאס וואס השי"ת געט אים, פארוואס האט ער געדארפט מפרש זיין דעם "לי".



האט דער רבי זצ"ל צוגעברענגט די בחינה פון ספרי קודש אויפן פסוק "ואיש את קדשיו ל'ו יהי'" אז וויפיל א מענטש געט פאר צדקה, דאס בלייבט פאר אים, פון דעם לעבט, אבער אנדערע געלט וואס א מענטש פארמאגט, דאס איז נישט זיינס, ווייל דאס רעדל קען זיך אים איבערדרייען אז עס זאל נישט פארבלייבן ביי אים. האט דער רבי געזאגט בדרך רמז, אז דאס האט יעקב אבינו געמיינט צו זאגן "וכל אשר תתן לי" אויך דאס געלט וואס "תתן לי" דאס מיינט דאס וואס ער געט פאר צדקה, וואס געוועגליך געט מען דאך א מעשר פונעם פארמעגן פאר צדקה, אויך אויף דעם מעשר וועט ער מוסיף זיין א "מעשר" און צולייגן צו די צדקה נאך א צענטל. דאס איז דער פשט פון "עשר אעשרנו" אויך דעם מעשר וועט ער מעשר'ן און צולייגן דערויף כהנה.

"און דאס בעט אויך אייך - האט דער רבי זצ"ל מסיים געווען - אז אז יעדער וואס איז זיך צוזאמגעקומען דא, און מען האט שוין איינמאל געגעבן פאר החזקת התורה, אויסצוהאלטן די מוסדות וואס דער רבי זי"ע האט מייסד געווען, אבער דאך זאל יעדער גיין אין די פיסטריט פון יעקב אבינו, און מען זאל מוסיף זיין נדבה על נדבה לטובת המוסדות.

אזוי האט דער רבי זצ"ל דאן געזאגט, און ווירקליך, לויט ווי מ'האמיר געברענגט אין ערשטן מאמר בשם מרן רביה"ק זי"ע, אז מיט דעם וואס מען געט פאר די מוסדות מער וויפיל מען איז מחויב איז מען זוכה צו די סגולה פון הצלחה בחינוך הבנים, פארשטייט מען זייער גוט די בקשה פונעם רבי'ן בעל ברך משה זי"ע, אז טראץ וואס מען האט שוין ארויסגענומען דעם אייגענעם חלק להחזקת המוסדות, זאל מען מוסיף זיין נאך און נאך, וואס ווען מען געט יותר מכפי החיוב האט מען א באזונדערן כח און זכות.

נו, האלטן מען שוין בלויז דריי וואכן אפגערוקט פונעם מעמד הדינער. דער גרעסערער טייל פון אנשי שלומינו זענען שוין באזוכט געווארן אין די לעצטערע וואכן, און יעדער האט שוין אפגעשטימט זיין נדבה וויפיל צו געבן צום דינער. לאמיר אבער דערהערן דעם קול ה' בכח פון רבוה"ק זי"ע, און מוסיף זיין נדבה על נדבה "וחמישתו יוסף עליו" לאמיר בשנה החמישית פון די הייליגע מוסדות מוסיף זיין א חומש צו מער אויף די נדבה, און אין דעם זכות זוכה זיין צו הצלחה בחינוך הבנים, און צו שמירה אויף זיך אליינס.





## להאי"ר להם ללכת

מעומק הלב פנימה, קול שמה נרימה, לברך ברכת מזל טוב, מוטל עלינו כחוב, להאי גברא יקירא, עושה ומעשה בתדירא, אברה"ם איש החסד והמעש, יוס"ף לעשות בתבונה ודעת, איש חי ורב פעלים, ללכת לבקר בבתים, בכל לילה ולילה עוסק, לנדיבי לב אומר נדבתך פוסק, לטובת מוסדותינו הק' המפוארים, ביחד עם אלפי תלמידינו בשמם הטוב נודעים

ה"ה הרב החסיד

ר' **אברהם יוסף רובינשטיין** הי"ו

מטובי העסקנים המכתתים רגלם בכל לילה ולילה לבקר בבתי נדיבים בעם כהכנה למעמד הדינער

**לרגל השמחה אשר במעונו שורה, שמחת נישואי נכדו היקר ר' יואל נ"י בן בנו מו"ה ר' משה יודא הי"ו**

וזאת הברכה, מאת אלקי המערכה, יזכה לרוות מכל יוצ"ח רב תענוג ונחת, בניך כשתולי זיתים סביב לשולחניך, אשר עליו תורה וגדולה יתאחדו, עדי נזכה לביאת בן דוד בעגלה

המברכים בהערצה

**דינער קאמיטע**

# יהי ביתך פתוח לרוחה



מיר ווילן זיך באדאנקן פאר די הונדערטער אנ"ש וועלכע וואוינען אויף די פאלגנדע גאסן וועלכע האבן אויפגענומען די עסקנים בסבר פנים יפות און זיך אנגערופן ווארעם מיט גרויסע סכומים פאר די מוסדות הקדושים.

- **ווייט** עוועניו
- **הויז** סטריט
- **מידעלטאון** סטריט
- **הופפער** סטריט
- **קיעפ** סטריט
- **פען** סטריט
- **ראסס** סטריט
- **ברוקלין** ווילאס
- **בעדפארד** גארדענס
- **ראטלעדזש** סטריט

מיט די הילף פון יעדן יחיד מאנ"ש וועלכע האט זיך אנגעשלאסן אין דעם "חד יומא" קאמפיין, האבן מיר די מעגליכקייט ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה און מחנך זיין אונזערע קינדער על דרך ישראל סבא.

קומענדיגע וואך וועלן די עסקנים אי"ה ארומגיין צו די הייזער פון די פאלגנדע גאסן:

**פלאשינג עוועניו • העריסאן עוועניו • מארסי עוועניו • דיקאלב עוועניו • גערי סטריט • קלעסאן עוועניו • קוק סטריט • טרופ עוועניו • קענט עוועניו**

**טייערע ברידער! ווען די געטרייע שליחים פון די מוסדות קלאפן אויף אייער טיר נעמט זיי אריין צו אייך אין שטוב ביותרת הכבוד, און שליסט אייך אן מיט די הונדערטער אנ"ש וואס האבן שוין אנטייל גענומען אין דעם קאמפיין.**

## דינער השנתי

## כ"א כסלו